# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים



## מאוצרות אמונים

### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### א תפילה וואס איז נישט באוויליגט

**"כִּי תִהְיֶיןָ לְאִישׁ שְׁתֵּי נָשִׁים הָאַחַת אֲהוּבָה וְהָאַחַת שְׂנוּאָה וְיָלְדוּ לוֹ בָנִים הָאֲהוּבָה וְהַשְּׂנוּאָה וְהָיָה הַבֵּן הַבְּכֹר לַשְּׂנִיאָה"** (כא טו)

פון דעם וואס די תורה האט צוגעשטעלט די פרשה נעבן די פרשת פון 'אשת יפת תואר' לערנען זיך די חכמים ארויס (תנחומא א) אז די 'שנואה' וואס ווערט דערמאנט אין די פרשה איז די 'אשת יפת תואר' וואס די תורה האט מתיר געווען זי זאל חתונה האבן נאכן זיך מגייר זיין, און די תורה איז דא מרמז אז דו וועסט איר פיינט האבן.

**רבי יהונתן אייבשיץ** לייגט צו אז צוליב דעם שטייט: "וְהָיָה הַבֵּן הַבְּכֹר לַשְּׂנִיאָה". ווייל די חכמים זאגן דאך (יבמות סד א): "מפני מה היו אבותינו עקורים? מפני שהקדוש ברוך הוא מתאוה לתפילתן של צדיקים"; א ערליכע פרוי ווערט נישט אזוי שנעל געהאלפן מיט קינדער ווייל השי"ת וויל זי זאל דאווענען צו אים, דאקעגן די 'יפת תואר' געבורט אן קיין אפהאלט.

'תפארת יהונתן'

### א אייגענע מוסטער ביים דאווענען און ביים לערנען

**"כִּי יִהְיֶה לְאִישׁ בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה אֵינֶנּוּ שֹׁמֵעַ בְּקוֹל אָבִיו וּבְקוֹל אִמּוֹ וְיִסְּרוּ אֹתוֹ וְלֹא יִשְׁמַע אֲלֵיהֶם"** (כא יח)

עס זענען באקאנט די ווערטער פון **אר"י הקדוש** ('לקוטי תורה' תהילים סה) אז טראץ וואס דער אייבערשטער איז א יודע מחשבות, דארפן מיר דאווענען מיט אונזער מויל און זיך נישט באגענוגן מיט טראכטן אין הארץ, כדי אנדערע זאלן דאס צוזעהן און אויך נתעורר ווערן צו דאווענען. א רמז אויף דעם זאגט דער אר"י אין פסוק אין תהלים (סה ג): "שֹׁמֵעַ תְּפִלָּה" - דער סיבה פארוואס דער אייבערשטער גלוסט הערן א דאווענען מיטן מויל, כדי דורך דעם: "עָדֶיךָ כָּל בָּשָׂר יָבֹאוּ" - זיי זאלן אויך דאווענען.

האדמו"ר **רבי צבי הירש פון מונקאטש** ברענגט אויף דעם א רמז פון אונזער פסוק: "כִּי יִהְיֶה לְאִישׁ בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה", דאס איז נאר ווייל: "אֵינֶנּוּ שֹׁמֵעַ בְּקוֹל אָבִיו וּבְקוֹל אִמּוֹ" - די תפילות און די ברכות פון זיינע עלטערן ווערן נישט געזאגט אויפן קול און מיט כוונה ווי עס דארף צו זיין. צוליב דעם אויך ווען מ'וועט אים אנ'מוסר'ן - "וְיִסְּרוּ אֹתוֹ", וועט זיין: "וְלֹא יִשְׁמַע אֲלֵיהֶם", ווייל אז עס פעלט א אייגענע מוסטער וועט נישט העלפן קיין שטראף רייד.

'תפארת בנים'

דא איז פאסיג אראפ ברענגען וואס הרה"צ **רבי יעקב מאיר שעכטער** שליט"א, ראש ישיבת 'שער השמים', איז מעורר אין די פתיחה צו זיין ספר 'המברך יתברך':

"ברענגט'ס אריין א ברכה אין ענקערע הייזער, און געוואוינט איין ענקערע טייערע זון און טעכטער זאלן זאגן די ברכות הנהנין הויעך אויפן קול און מיט כוונה, אזוי אויך די ברכה 'אשר יצר' מיט א קלארע שטימע, און געוואוינט איין די שטוב מענטשן זאלן ענטפערן אמן אויפן קול. אזוי אויך זאל מען איינפירן אז יעדן אינדערפריה זאל איינער פון די משפחה זאגן אלע ברכות השחר הויעך אויפן קול און געלאסן, און די ארומיגע זאלן ענטפערן אמן, און דורך דעם וועט זיין א ברכה אין דער הויז.

און ווי גוט איז אז די עלטערן און די מחנכים זאלן זיין א אייגענע מוסטער דורך דעם וואס זיי וועלן אליין זאגן די ברכות הנהנין אויפן קול און מיט כוונה, און פון זיי וועט מען זיך לערנען וויאזוי זיך צו פירן און דורך וועט אראפקומען שפע חיים ושלום און קיין שום שלעכט'ס וועט קיינמאל נישט זיין אין אונזער געגנט".

### ענטפערן אמן געווינט די מלחמה

**"כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁ־בִיתָ שִׁבְיוֹ"** (כא י)

"רבי יוסי זאגט: 'גדול העונה אמן יותר מן המברך'. האט אים רבי נהוראי געזאגט: 'השמים [איך שווער]! ס'איז טאקע אזוי. און איך וועל דיר ברענגען צו דעם א ראיה, ווייל די איינפאכע סאלדאטן הייבן אן די שלאכט, און די שטארקע קומען שפעטער און זיי באזיגן'" (ברכות נג ב). אזוי אויך ענטפערן אמן וואס קומט נאך די ברכה, איז מער חשוב'ער פון די ברכה.

פארוואס האט מען צוגעשטעלט די ברכה און די 'אמן' צו א מלחמה?

ערקלערט דער **מהרש"א**: די חכמים זאגן (פסחים קיח א): "קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף". און טאקע אזוי, מצד הדין די שפייז פון א מענטש דארף אים אנקומען גאר שווער און ווייניג, צוליב די קללה וואס אדם הראשון איז געשאלטן געווארן (בראשית ג יז): "אֲרוּרָה הָאֲדָמָה בַּעֲבוּרֶךָ בְּעִצָּבוֹן תֹּאכֲלֶנָּה כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ". נאר דער וואס איז מקפיד צו זאגן א ברכה און ענטפערן אמן ווי ס'איז די הלכה, ווערן די ברכות און די אמן'ס פארטיידיגער'ס וואס זענען אויף אים מלמד זכות אקעגן די מקטרגים וואס ווילן עס זאל מקויים ווערן ביי אים די קללה פון אדם הראשון, און דורך דעם איז דער מענטש זוכה דער אייבערשטער זאל אים משפיע זיין גרינגערהייט אסאך פרנסה.

און אזוי ווערט געפירט די מלחמה אקעגן די מקטרגים; דורך די ברכה הייבט זיך אן די 'שלאכט' אקעגן די מקטרגים, און די 'אמן' וואס ווערט געענטפערט נאכדעם וועגט עס אראפ לטובה, אזוי ווי די אויסדערוועלטע סאלדאטן וואס באזיגן די שלאכט.

מהרש"א ח"א נזיר סו ב

דורשי רשומות האבן געגעבן א רמז אויף דעם אין די פאלגנדע פסוק: "**כי תצא**" - איז ראשי תיבות: "**כ**ל **י**ום **ת**ענה **צ**' **א**מנים" [אזוי ווי די צאל וואס די חכמים האבן באשטימט (תיקוני זוה"ח ח"ב דף פג א)] און אין דעם זכות וועלן ענק געווינען די מקטרגים: "ונתנו ה' אלקיך בידך".

### די איסור 'כלאים' ביים דאווענען

**"לֹא תַחֲרֹשׁ בְּשׁוֹר וּבַחֲמֹר יַחְדָּו"** (כב י)

**רבי יוסף חיים פון באגדאד זאגט:**

עס זענען דא מענטשן וואס מיט זייער אויפפירונג מאכן זיי ווי א 'פשרה' צווישן יצר טוב און יצר הרע. צ.ב.ש. ביים דאווענען - זיי קומען אין שול אזוי ווי די עצה פון יצר טוב, אבער ווען זיי זענען שוין אין שול פאלגן זיי דעם יצר הרע, און אנשטאט זיי זאלן דאווענען ווי עס דארף צו זיין פון אנהייב ביז די ענדע, דאווענען זיי למחצה, לשליש ולרביע, און טון איבערהאקן זייער דאווענען מיט שמועסן און דיבורים אסורים. און נישט נאר דעס, נאר מיט זייערע מעשים זענען זיי מחטיאי הרבים וואס זיי לערנען זיך פון זייערע מעשים.

די מענטשן ווארנט די תורה: "לֹא תַחֲרֹשׁ בְּשׁוֹר וּבַחֲמֹר יַחְדָּו" - זאלסט נישט מיינען אז ווייל דו האסט צוגעהערט דעם קול פון דיין יצר טוב וואס איז צוגעגלעכנט צו א טהור'דיגע 'שור', און ביזסט געקומען אין שול, איז דיין מדרגה העכער פון דער וואס האט געפאלגט דעם יצר רע וואס איז צוגעגלעכנט צו א טמא'נער 'חמור' און איז אינגאנצן נישט געקומען אין שול. נאר פארקערט, דער וואס מישט צוזאם 'טהור' און 'טמא', איז ערגער פון דער וואס דאוונט אינגאנצן נישט. אזוי ווי די חכמים זאגן (ב"ק צד א) אויף דער וואס זאגט א ברכה אויף א עסנווארג וואס ער האט גע'גזל'ט פון זיין חבר: "אין זה מברך אלא מנאץ", ככתוב (תהילים י ג): "ובצע [ד.מ. א גזלן] ברך נאץ ה'".

'בן איש חי'

### 'אין זה מברך אלא מנאץ'

**"כִּי תָבֹא בְּכֶרֶם רֵעֶךָ וְאָכַלְתָּ עֲנָבִים כְּנַפְשְׁךָ שָׂבְעֶךָ וְאֶל כֶּלְיְךָ לֹא תִתֵּן"** (כג כה)

פון דער פסוק האט **רבי יעקב יהושע פראמאן** פון לאדזש געטראפן א רמז אויף די חכמים זאגן (ב"ק צד א) אז דער וואס זאגט א ברכה אויף א עסנווארג וואס ער האט גע'גזל'ט פון זיין חבר "אין זה מברך אלא מנאץ"; "כִּי תָבֹא בְּכֶרֶם רֵעֶךָ וְאָכַלְתָּ" - איז ר"ת 'ברכות'. דיך צו לערנען אז נאר א ארבעטער וואס עסט מיט ערלויבעניש פון זיין בעל הבית קען זאגן א ברכה, אבער ווער עס לייגט אריין אין זיינע כלים אן ערלויבעניש, איז ווי א גזלן און טאר נישט זאגן א ברכה.

'נחלת יעקב יהושע'




## בָּרוּךְ ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל מֵהָעוֹלָם וְעַד הָעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן

דעם קומענדיגן מיטוואך הבעל"ט י"ג אלול, געפאלט אויס די זיבעצנ'סטע יארצייט פון רבי חיים בן ציון ב"ר **אהרן צבי מארמארשטיין** זצ"ל, וואס איז געווען א גאנץ לעבן א 'שומר אמונים' כפשוטו: ער האט ארויסגעקוקט און געווארט צו קענען ענטפערן אמן, איבערהויפט נאך די ברכות השחר.

אויף זיין נאמען האט זיין זוהן רבי יעקב דב מארמארשטיין שליט"א געגרינדערט די ארגאניזאציע 'בני אמונים' וואס אין דעם זכות הייבן אן צעהנדליגער טויזנטער אידן זייער טאג יעדן אינדערפריה מיטן זאגן די ברכות השחר מיט א חברותא.

**ביטע, מיטוואך י"ג אלול זייט מקדיש דאס זכות פון זאגן די ברכות השחר מיט א חברותא לעילוי נשמתו.**

**ברכות השחר: אויפן קול, מיט כוונה, מיט א חברותא.**

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר
פון דאווענען

## די ברייתא פון 'אלו דברים' (א)

### די אייגנארטיקייט פון די מצוות שבין אדם לחברו

אין די ברייתא פון 'אלו דברים' ווערן דערמאנט צען מצוות וואס זייער שכר איז אוועקגעלייגט אויף עולם הבא, אבער אויף דער וועלט באקומט מען שוין אויך עפעס פון דעם. דער שכר וואס דער מענטש באקומט אויף דער וועלט ווערט אנגערופן אין די לשון הברייתא 'פירותיהם', ווייל עס ווערט צוגעגליכן צו פרוכט פון א בוים וואס אויך נאכן עסן די פרוכט בלייבט די בוים איבער בשלימות.

פארוואס זענען די מצוות אנדערשט פון אלע מצוות אז אויף דעם באקומט מען שכר אויך אויף דער וועלט?

דער רמב"ם (פיה"מ פאה א א) ערקלערט אז די מצוות פון די תורה ווערן צוטיילט אויף צוויי קאטעגאריעס - מצוות שבין אדם למקום און מצוות שבין אדם לחברו. דער אייבערשטער באצאלט שכר נאר אין עולם הבא (קידושין לט ב), אבער פון די מצוות שבין אדם לחברו נעמט ארויס דער מענטש א נוצן אויך אויף דער וועלט, ווייל ווען דער מענטש פירט זיך מיט גוט'סקייט מיט זיינע חברים, פירן זיי זיך אויך אזוי מיט אים. אויף די נוצן האט די ברייתא געזאגט: "פירותיהן בעולם הזה".

אויף א אנדערע וועג ערקלערט דער מהר"ל מפראג (חידושי אגדות שבת קכז ב): דער וואס איז מקיים א מצוה שבין אדם למקום האט מיט דעם מקיים געווען דעם רצון ה', אבער נאר דאס. דאקעגן דער וואס איז מקיים א מצוה שבין אדם לחברו, אויסער וואס ער האט מקיים זיין דעם רצון ה' וואס האט אים באפוילן אויף דעם, האט ער אויך צופרידנגעשטעלט די מענטשן דורך דעם. דעריבער אויפן מקיים זיין דעם רצון ה' באקומט ער זיין שכר אין עולם הבא, און אויף דעם וואס ער האט גורם געווען א פארגעניגן פאר מענטשן, באקומט ער זיין שכר אויף דעם פלאץ וואו ער האט צוגעברענגט די פארגעניגן - אויף דער וועלט.

די מערהייט פון די מצוות וואס ווערן אויסגערעכנט אין די ברייתא זענען מצוות שבין אדם לחברו, א טייל פון זענען קלאר ארויסגעשריבן, און א טייל פון זיי זענען אריינגערעכנט אין די מצוה פון 'גמילות חסדים' וואס ווערט אויך דערמאנט אין די ברייתא (ראה פירוש המשניות לרמב"ם שם).

### כיבוד אב ואם

די תורה הקדושה האט באפוילן יעדער זאל מכבד זיין זיין פאטער און מוטער און זיי העלפן צושטעלן זייערע באדערפענישן בסבר פנים יפות (שו"ע יו"ד רמ ד), און האט אויך צוגעזאגט דעם גרויסן שכר פאר דער וואס איז זוכה דאס מקיים זיין, זיין שכר באקומט ער אין עולם הזה און אין עולם הבא, אזוי ווי עס שטייט (דברים ה טו): "כבד את אביך ואת אמך כאשר צוך ה' אלקיך למען יאריכון ימיך ולמען ייטב לך על האדמה אשר ה' אלקיך נותן לך", און די חז"ל דרש'ענען (קידושין מ א ע"פ פירש"י שם): "'יאריכון ימיך' גייט ארויף אויף עולם הבא, און 'ייטב לך' גייט ארויף אויף עולם הזה.

די חכמים האבן זייער שטארק גערעדט פון דער שכר פון די מצוה און האבן געזאגט (תנחומא קדושים טו): "קום און זעה ווי ווייט איז באליבט פארן אייבערשטן די מצוה פון כיבוד אב ואם, דער אייבערשטער וועט נישט אפהאלטן דער שכר פון דער וואס איז מקיים די מצוה, סיי א צדיק - סיי א רשע. פון ווייסט מען דאס? פון עשו הרשע, אויף דעם וואס ער האט מכבד געווען זיין פאטער האט אים דער אייבערשטער געגעבן די אלע גוטע זאכן... און אויב דער רשע, אויף דעם וואס ער האט מכבד געווען זיין פאטער, האט אים דער אייבערשער באצאלט מיט אזויפיל גוט'ס! דער וואס איז מכבד זיינע עלטערן און איז מקיים נאך מצוות איז דאך זיכער איז זיין שכר וועט זיין זייער גרויס".

די ווערטער פון רבנו בחיי אין דעם ענין זענען זייער אינטערעסאנט: "די מצוה פון כיבוד אב ואם איז זייער גרויס און לויטער ווי גאלד, מענטשן זעהן קלאר און אפן אז פון די שכר פון די מצוה באקומט מען אויך פירות אויף דער וועלט: אדער הצלחה און רואיגקייט וואס השי"ת וועט אים צוגעבן אין אלע זיינע מעשים, אדער אריכות ימים וואס דאס איז די באשטימטע שכר אויף די מצוה" ('כד הקמח' ערך כיבוד אב ואם).

### גמילות חסדים

די תורה באפעלט דעם מענטש זאל זיך פירן מיט מענטשן בחסד וברחמים און זיי גוט'ס טון, און אזוי ווי מיר טרעפן אז אסאך מצוות אין תורה זענען געזאגט געווארן אין די ענינים. די באגריף 'גמילות חסדים' איז א נאמען וואס נעמט אריין אין זיך אסאך וועגן פון חסד און הילף. די טייערקייט פון די מצוה אויף דער וועלט ווייסן מיר פון די באקאנטעווארט פון שמעון הצדיק (אבות א ב): "על שלשה דברים העולם עומד על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים".

דערנאך וואס די ברייתא ברענגט אראפ די מצוה פון גמילות חסדים אלגעמיין, רעכנט זי אויס פיר באוואוסטע מעשים פון חסד: הכנסת אורחים, ביקור חולים, הכנסת כלה און הלויית המת. דער רמב"ם (אבל יד א) שרייבט אז דער חיוב צו טון די אלע מעשי חסד איז אריינגערעכנט אין די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך" (ויקרא יט יח) - "אלע זאכן וואס דו ווילסט אז אנדערע זאלן דיר טון, טו עס דו פאר דיינע ברודער".

די מצוה פון 'הכנסת אורחים', איז מחייב דעם מענטש זאל אריינעמען געסט אין זיין הויז, זיי געבן עסן און טרינקען, זיי באגלייטן ווען זיי ווילן פארזעצן זייער וועג (רמב"ם שם ב). די מצוה ווערט אנגערופן אין דעם לשון פון רמב"ם (שם): "דאס איז דער 'חוק' וואס אברהם אבינו האט אוועקגעשטעלט און דער וועג וואס ער האט זיך געפירט".

די מצוה פון 'ביקור חולים' איז מחייב דעם מענטש גיין באזוכן א קראנקן, זארגן אויף זיינע געברויכן און דאווענען אויף זיין רפואה (נדרים מ א; רמב"ם שם). די חשיבות פון די מצוה קענען מיר זיך לערנען פון די ווערטער פון רבי עקיבא: "יעדער וואס איז נישט מבקר חולה איז גערעכנט כאילו ער איז שופך דמים" (נדרים שם).

ביי די מצוה פון 'הכנסת כלה' איז דער מענטש מחויב באגלייטן די כלה צו איר חופה און זארגן איר דערפרייען, אזוי אויך צושטעלן די געברויכן פון א ארימע כלה זי זאל קענען חתונה האבן (רש"י סוכה מט ב ד"ה הוצאת ומגילה כט א ד"ה להכנסת). און מיר טרעפן (ילק"ש תהילים רמז תשב) אז באלד בשעת'ן באשאפן דער וועלט האט דער אייבערשטער זיך באשעפטיגט מיט די מצוה, אזוי ווי עס שטייט (בראשית ב כב): "ויבן ה' אלקים את הצלע אשר לקח מן האדם לאשה ויביאה אל האדם".

ביי די מצוה פון 'לווית המת' איז דער מענטש מחוייב באגלייטן דעם מת ווען מ'פירט אים צום באערדיגן. גמילות חסד מיט טויטע ווערט אנגערופן 'חסד של אמת', אזוי ווי יעקב האט געזאגט פאר יוסף ווען ער האט אים געבעטן ער זאל אים ארויף טראגן באערדיגן אין ארץ ישראל (בראשית מז כט): "ועשית עמדי חסד ואמת" (ב"ר צו ה).

### 'הכנסת כלה' באשיצט פון 'לווית המת'

עס ווערט דערציילט אויפן גאון רבי חיים קרייזווירטה ז"ל אז ווען ער איז קראנק געווארן אויף א שווערע קראנקהייט איז ער געגאנגען צום בעל 'קהילות יעקב' בעטן פון אים א עצה און א ברכה. אינמיטן זיינע רייד האט דער 'קהילות יעקב' אים געזאגט: יעדן אינדערפריה רעכענען מיר אויס אין די ברייתא פון 'אלו דברים' די מצוות לויט דעם פאלגעדן סדר: "וביקור חולים, והכנסת כלה ולווית המת". לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס האבן די חכמים נישט געשטעלט די מצוה פון 'ביקור חולים' נעבן 'לוויית המת', און אנשטאט דעם האט מען אינצווישן אריינגעשטעלט די מצוה פון 'הכנסת כלה'?

נאר, די חכמים האבן אונז געוואלט לערנען אז די מצוה פון הכנסת כלה קען אפהאלטן די קראנקהייט עס זאל ח"ו נישט צוקומען צו 'הלווית המת'...

רבי חיים האט פארשטאנען די רמז און האט זיך באלד אונטערגענומען זיך אפגעבן מיט אלע זיינע כוחות אין די מצוה פון הכנסת כלה, און טאקע אזוי, נאך א שטיק צייט - דורך ניסי ניסים - האט זיך די קראנקהייט אויפגעהערט. פון דער טאג ביז די ענדע פון זיין לעבן האט ער זיך שטארק אפגעגעבן מיט די מצוה פון הכנסת כלה, און האט זוכה געווען צוהעלפן אויפבויען טויזנטער אידישע הייזער ('ארחות רבנו' ח"ד עמ' קעט).

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## די ערציילונג פון ר' עמרם דויטש

אויך די פאלגנדע ערציילונג איז פון די אויסערגעוועהנליכע אוצר פון הרב יואל גאלד שליט"א, פון די גדולי מזכי הרבים און פון די רבנים אין לאס אנדזשעלעס וואס איז אין קאליפארניע. און אזוי דערציילט הרב גאלד:

קיינמאל וועל איך נישט פארגעסן דעם ערשטן טאג ווען איך האב אנגעהויבן דינען אלץ רב אין שול 'בית נפתלי' אין לאס אנדזשעלעס. איין טאג פריער האבן מיר געמאלדן די גבאים אז 'שחרית' דאוונט מען דארט א פערטל נאך זעקס, און אלץ מיין אמט דארף איך דאווענען מיט דעם מנין.

איך בין אויפגעשטאנען פריה. אבער אין שול בין אריין מיט א פארשפעטיגונג פון איין מינוט, סך הכל... דער דיגיטאלישער זייגער אויפן וואנט ביים אריינגאנג פון שול האט געוויזן אויף זעקס אזייגער מיט זעכצן מינוט, אבער ווען איך בין אריין אין היכל פון בית המדרש האט מיך אפגעווארט די 'שאק' פון מיין לעבן, רוב עלטערע קהילה-מיטגלידער זענען שוין געזיצן אויף זייערע פלעצער, אנגעטון מיט טלית און תפילין, און ווארטן אויפן רב זאל אנהייבן דאס דאווענען.

די מחשבה וואס איז אדורך געלאפן אין מיין קאפ אין יענע מינוט איז געווען - 'יואלי, וואס האט דא פאסירט??' אין די געגנט וואו איך בין אויפגעוואקסן אין מיין יוגנט, א פארשפעטיגונג פון א מינוט האט אמאל געקענט גערעכנט ווערן ווי געקומען מיט א האלבע שעה פריער... אבער אסאך צייט צו טראכטן האב איך נישט געהאט, איך האב זיך שנעל אנגעטון טלית און תפילין און איך האב אנגעהויבן דאווענען.

נאכן דאווענען האב איך באקומען נאך א 'שאק', ווען איינער פון די מתפללים, א איד וואס האט אויסגעזען ווי א בן תשעים, איז צוגעקומען צו מיין ריכטונג פון די אונטערשטע טייל פון די שול, ער האט מיר אויסגעשטרעקט זיין האנט צו געבן שלום, און האט זיך פארגעשטעלט מיטן נאמען 'עמרם דויטש'. ער האט מיר ווארעם געוואונטשן מיט אלע ברכות לכבוד מיין נייע פאסטן אלץ דער רב פון שול, און ערשט נאכדעם האט ער מיר איידלערהייט אויפמערקזאם געמאכט: "רבי, איך האב אין אכט גענומען אז היינט האט איר פארשפעטיגט צוקומען. טייערער רב, עס טוט מיר ממש וויי צוזען וויאזוי מענטשן קומען אן צום דאווענען שפעט, איך בעט דיר, זאלסט אלעס טון כדי מארגן זאלסטו קומען אין צייט".

איך בין געווען אזוי פארקלעמט און פארשעמט, אז אויפן פלאץ האב איך באשלאסן קומען א האלבע שעה פריער. ביי מיר בין איך געווען אנטשלאסן אלעס טון איך זאל אנקומען בעפאר ר' עמרם דויטש... דעמאלטס האב איך נישט געוואוסט אז ר' עמרם איז דער וואס עפנט יעדן אינדערפריה דעם שול פינף אזייגער פארטאגס. צוליב דעם ווען איך בין אויפצומארגנ'ס אנגעקומען א פערטל צו זעקס, איז ער שוין געזיצן אויף זיין פלאץ, געלערנט פון זיין משניות, געזאגט תהילים און געטרינקען רואיג א קאווע.

איך האב נישט געהאט קיין מעגליכקייט אים צו דערגרייכן...

עס איז אדורך א גאנצע יאר ביז איך האב פארשטאנען דעם סוד פון ר' עמרם - וואס הייסט ביי אים דאווענען. א געוויסע שבת, אין די נאכמיטאג שעה'ן, ווען איך בין שוין היימיש געווען מיט ר' עמרם. מיר האבן געשמועסט, נישט דאס ערשטע מאל, איבער זיינע איבערלעבענישן ביי די וועלט'ס קריג, און ר' עמרם האט מיר דעמאלטס געזאגט:

"צו מיין מזל איז מיר געלונגען זיך ארויסראטעווען פון די פארניכטונג-לאגער אין אושוויץ צו א ארבערט'ס-לאגער מיטן נאמען 'בּוּנַא'. קיינמאל וועל איך נישט פארגעסן די שילד וואס האט מיך באגלייט ארויסגייענדיג פון אושוויץ און אריינגייענדיג קיין בונא, 'ארבעט באפרייט'... ביי די נעכט האב איך געדארפט טרעפן פלאץ צו שלאפן אויף די ברעט - וואס האט געדינט אלץ א בעט - צוזאמען מיט נאך דריי ארעסטאנטן אזוי ווי מיר. ווען די קעלט פרירט אין די ביינער, אין די פוילישע ווינטער קעלט, האבן מיר זיך אנגעווארעמט איינער דעם צווייטן מיט די ביסל היץ פון אונזער קערפער וואס איז אין אונז פארבליבן.

איין נאכט, איינער פון מיינע חברים צום שלאפן האט מיר שטילערהייט אריינגערוימט עפעס אין אויער וואס דאס האט געענדערט מיין לעבן: 'עמרם', האט ער מיר געזאגט, איך וועל דיר אויסזאגן א סוד וואס אפילו די צוויי אנדערע שותפים ווייסן נישט פון דעם, איך בעט דיר אז קיינער אויסער דיר זאל נישט וויסן פון דעם.

איך גיי יעצט אראפ צו א קליין לעכל וואס געפונט זיך אונטער די באראק, דארט געפונען זיך א פאר תפילין וואס ווארטן אויף מיר... איך וועל אנשטעלן א פנים ווי איך דארף ארויסגיין, און עטליכע מינוט נאכדעם זאלסטו מיר נאכקומען... דו האסט צוויי מינוט זיך אנטון מיט תפילין, זאגן שמע ישראל און צוריק גיין אין באראק...'

פון יענעם טאג און ווייטער, אין לויף פון די זעקס חדשים ביז מיר זענען אריבערגעפירט געווארן קיין 'בערגן-בעלזן' - דארט האבן מיר נישט געקענט מיטנעמען די תפילין מיט אונז - זענען מיר אויפגעשטאנען יעדן אינדערפריה, מיין חבר און איך, פופצן מינוט פאר אלעמען, מיר זענען אריינגעקראכן אין די לעכל אונטער די באראק, מיר האבן געלייגט תפילין און געזאגט שמע ישראל, און דעמאלטס זענען מיר ארויס צו די 'אפעל' פון אינדערפריה. דאס דאווענען האבן מיר געענדיגט אויפן וועג צום ארבעט.

אונז האבן איינגעשטעלט אונזער לעבן, יעדן אינדערפריה, כדי אז אויך אין די טונקלקייט וואס האט אונז ארום גענומען, זאלן מיר קענען דאנקען דעם ריבונו של עולם און אויסרופן אונזער אמונה אין אים, 'שמע ישראל...', דאס איז געווען די מערסטע וואונדערליכע מתנה וואס איך האב באקומען אין מיין לעבן, און דאס איז געווען אין לויף פון זעקס אומפארגעסענע חדשים...".

הרב גאלד דערציילט ווייטער:

היינט צו טאג, ר' עמרם איז שוין אין די צווייטע האלב פון די צענטע צענערל פון זיין לעבן, ביז הונדערט און צוואנציג בליעה"ר, און פינף אזייגער אינדערפריה עפנט ער נאך דעם שול יעדן טאג, פון מאל צו מאל קען ער מיך אנ'מוסר'ן מיט א שמייכל אויפן פארשפעטיגן איין מינוט צי צוויי...

ווען איך בין זיך מתבונן וויאזוי ר' עמרם לייגט די תפילין אויף זיין האנט וואס אויף דעם זענען אריינגעקריצט נומערן, קען איך נאר באצויבערט ווערן, און האפן אז אויך אונזערע קינדער, דער יונגער דור, וועלן זיך לערנען פון די אויסערגעוועהנליכע מענטשן די באדייט פון זיך אינגאנצן אוועקגעבן, זאלן זיך אפלערנען זיך שטאלצירן מיט זייער אידישקייט, און זיך באהעפטן צו די מצוות אזוי ווי זיי.

ווען אונזערע קינדער וועלן זיך מתבונן זיין אין די רעשט פארבליבענע פון דעם פארגאנגענעם דור, וועלן זיי אפשר פארשטיין די באדייט פון 'זיין א איד', וואקסן מיט א ריינע אמונה אין ריבונו של עולם, אויסנוצן יעדע מינוט פון לעבן זיך מדבק זיין אין באשעפער, אין תורה און תפילה.

יענע אידן זענען פאר אונז ווי א וועג צייכן, אז טראץ דער טראגעדיע, כאטש דו האסט פארלוירן אלעס וואס דו האסט, אויב ביזסטו געבליבן ביים לעבן, איז א צייכן אז דו דארפסט פארזעצן, דאוונען, דאנקען און האפן.

עיצובים shay